**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/8/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט סטעיט צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן צו אפצייכענען פון אינטערנאציאנאלע מענטשן רעכטן טאג און 75'סטע יארטאג פון די אוניווערסאלע דעקלעראציע פון מענטשן רעכטן

### *ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן פארעפנטליכעט יערליכע באריכט ארויסהייבנדיג ערגרייכונגען אין פארגאנגענע פיסקאלע יאר*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז צענטראלע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין בלוי פרייטאג צונאכטס צו אפצייכענען דעם אינטערנאציאנאלן מענטשן רעכטן טאג וואס ווערט אפגעהאלטן יעדעס יאר אום דעצעמבער 10 אין עהרע פון די יונייטעד נעישענס דזשענעראל אסעמבלי'ס אננעמונג פון די אוניווערסאלע דעקלעראציע פון מענטשן רעכטן. היי יאר צייכנט אפ די 75'סטע יארטאג פון די וויכטיגע דאקומענט וואס קריצט איין די רעכטן צו וועלכע אלע מענטשן זענען בארעכטיגט אלס מענטשן, אפגעזעהן פון ראסע, הויט קאליר, רעליגיע, סעקס, שפראך, פאליטישע אדער אנדערע מיינונג, נאציאנאלע אדער געזעלשאפטליכע אפשטאם, אייגנטום, געבורט אדער אנדערע סטאטוס.

"ניו יארק האט די שטאלצע אייגנארטיגקייט זייענדיג די ערשטע סטעיט אינעם לאנד צו איינפירן א מענטשן רעכטן געזעץ, און עס איז געווי מיט די אנטשיידענע פארפליכטונג מיט וועלכע מיר וועלן פארזעצן צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד ביים היטן אויף די פונדאמענטאלע רעכטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "היינט באעהרן מיר די אננעמונג פון די אוניווערסאלע דעקלעראציע פון מענטשן רעכטן, און מיר קוקן ארויס צו די צוקונפט פון די געוואלדיגע סטעיט מיט אפטימיזם און שטאלץ אזוי ווי מיר רוקן זיך פאראויס אין אונזער מיסיע צו מאכן ניו יארק פאר א ווארעמע היים פאר יעדן."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן קאמישאנער, מאריע אימפעריאל, האט געזאגט,** "פינף און זיבעציג יאר צוריק האט די אוניווערסאלע דעקלעראציע פון מענטשן רעכטן איינגעקריצט אין שטיין די אמת אז אלע מענטשן ווערן געבוירן פריי און גלייך מיט כבוד הבריות און רעכטן. דא אין ניו יארק סטעיט, פייערן מיר דעם באדייטנדן טאג דורכן פארזעצן אונזער מיסיע פון עלימינירן דיסקרימינאציע, פארררעכטן אומרעכטן און שטופן פאר גלייכע געלעגנהייט, צוטריט און כבוד הבריות פאר אלע ניו יארקער."

ניו יארק סטעיט האט היסטארישע קשרים מיט די אננעמונג פון די אוניווערסאלע דעקלעראציע פון מענטשן רעכטן. א צענטראלע עלעמענט פון די דעקלעראציע'ס הצלחה איז געווען די פירערשאפט פון די געוועזענע פוירסט לעידי און ניו יארק סטעיט-געבוירענע, עלענאר ראזעוועלט, וואס איז געווען פארזיצערין פון די קאמיטע וואס האט געשריבן די נוסח פון די דעקלעראציע. ראזעוועלט'ס מידלאזע איבערגעגעבנקייט און דיפלאמאטיע האבן דאס מעגליך געמאכט צו ברענגען מערערע פעלקער צו איינשטימען, פירנדיג צו די עווענטועלע באשטעטיגונג פון די דעקלעראציע אן קעגנשטאד דורך די UN דזשענעראל אסעמבלי.

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן האט אויך היינט פארעפנטליכט איר יערליכע באריכט ארויסהייבנדיג די אגענטור'ס אקטיוויטעטן אין פיסקאלע יאר 2023.

די דיוויזיע'ס אויפטואונגען אין פיסקאלע יאר 2023 רעכענען אריין דאס אויפשטעלן די 'האסע און דיסקרימינאציע פארמיידונג איינהייט' (Hate and Bias Prevention Unit, HBPU) וואס איז אויסגעשטעלט צו העלפן קאמיוניטיס אריבער די סטעיט באקעמפן נגיעות'דיגע מיינונגען און האסע. זינט עס איז אוועקגעשטעלט געווארן, האט די HBPU אויפגעשטעלט 10 ראיאנישע קאונסילס פארטרעטנדיג יעדער ראיאן אריבער די סטעיט, און אזוי אויך א שנעלע אפרופונג איניציאטיוו וואס אפפערט שטיצע פאר קאמיוניטיס וועלכע ווערן באטראפן דורך האסע אדער דיסקרימינאציע אינצידענטן. מערסט לעצטנס האט די HBPU געעפנט א נייע טעלעפאן האטליין, 844-NO2-HATE, און אן אנליין בויגן וואס ערלויבט ניו יארקער צו באריכטן האסע און דיסקרימינאציע אינצידענטן דירעקט צו די איינהייט. די HBPU וועט אויך ארויסקומען מיט א סטעיט-ברייטע מידיע קאמפיין אין דעם קומענדיגן יאר, און זי האט לעצטנס ארויסגעגעבן אן איינלאדענונג פאר פארשלאגן פאר אינטערעסירטע מידיע פירמעס.

דורכאויס פיסקאלע יאר 2023, האט די דיוויזיע פארזיכערט כמעט 7 מיליאן דאלאר אין פארגוטיגונג פאר מער פון 1,000 קורבנות פון דיסקרימינאציע ביים ארבעט, האוזינג און פובליק אקאמאדאציע. די סומע איז די העכסטע סך הכל פארגוטיגונגען אין די פארגאנגענע זעקס יאר. די דיוויזיע האט אויך געמאכט וויכטיגע פארשריט ביים העלפן קורבנות פון סעקסועלע באלעסטיגונג (טשעפערייען) ביים ארבעט דורכן עפענען א טאל-פרייע און געהיימע ארבעטספלאץ סעקסועלע באלעסטיגונג האטליין, 1-800-HARASS-3, וואס פארבינדט מענטשן וואס גייען אריבער באלעסטיגונג מיט ערפארענע אטוירניס וואס שטעלן צו אומזיסטע סערוויסעס.

צו אפצייכענען די 75'סטע יארטאג פון די אוניווערסאלע דעקלעראציע פון מענטשן רעכטן און אינטערנאציאנאלע מענטשן רעכטן טאג, וועלן די פאלגנדע ניו יארק סטעיט סטרוקטורן באלאכטן ווערן אין בלוי דעם פרייטאג:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- פעירפארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

**איבער די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן**
די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן איז געווידמעט צו עלימינירן דיסקרימינאציע, צו פארערכטן אומרעכטן און צו שטופן פאר גלייכבארעכטיגע געלעגנהייטן, צוטריט און כבוד הבריות דורכן אינפארסירן דעם מענטשן רעכטן געזעץ. אונזער חזון איז א ניו יארק וואס איז פריי פון דיסקרימינאציע, וואו יעדער איינער קען ערפילן זייער פאטענציאל און זיך פולשטענדיג באטייליגן אין די לעבן פון די סטעיט. ניו

יארקער קענען לערנען מער איבער דעם מענטשן רעכטן געזעץ אדער באריכטן נגיעות'דיגע און דיסקרימינאציע אינצידענטן דורכן באזוכן dhr.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן